TO: EVA RABY, FAX # 514-342-6477

טײַערע מאַמע,

ס'איז שוין אַ װאָך פֿון זינט מיר זענען אַװעקגעפֿלױגן פֿון דער הײם. כ'װאָלט צו דיר געקלונגען, װײס איך נאָך ניט װי אַזױ. כ'װאָלט דיר געגעבן מײַן טעלעפֿאָן-נומער, װײס איך אַז אין גיכן ציִען מיר זיך אַריבער אין דער נײַער, געראַמער דירה װוּ מיר'ן האָבן אַן אַנדער נומער. דערװײַל לעבן מיר סעפּעראַט, אַ טיר אַנטקעגן אַ טיר, אריה מיט מיר און שײַנע באַזונדער. דער ערשטער שבת איז אַדורך גאָר פֿרײלעך, היות װי מיר האָבן שוין אַ נײַע קיך, גאָרניט לױט רוסישע סטאַנדאַרטן, און היות װי מיר האָבן זיך װײַטער גוט אַרײַנגעלעבט מיט די רײַזנעס, די װאָס פֿירן זיך מיט דער פּראָגראַם און האָבן אַ 4-יאָריק מײדעלע, ניצן. עס פֿעלט אונדז, ברוך-השם, גאָרניט און אַחוץ די ערשטע פּאָר טעג, אײדער דער נײַער סדר האָט זיך אײַנגעשטעלט, גײט אַלץ געלאַסן.

שײַנע גיט זיך אָפּ מיט אריהן און זײַן נײַער ענגליש-אַמעריקאַנער שול. ס'איז אַ שטיקל נס װאָס מ'האָט אים אָנגענומען. פֿון הײַנט און װײַטער נעמט מען אָן נאָר פֿולצײַטיקע קינדער פֿון קאָנסולן און דיפּלאָמאַטן, און אַזױ אױך נאָר די װאָס מע װיל. אריה איז דער לעצטער װאָס זאָל אַרײַן אונטער דעם דעמאָקראַטישן רעזשים, אַזױ צו זאָגן. ער האָט שרעקלעך הנאה פֿון אַלע װינטערספּאָרטן (מײַנער אַ זון!) און לערנט זיך פֿלײַסיק — כאָטש די שיטה איז אַ סך שטרענגער װי דאָס װאָס ער איז צוגעװױנט. און אפֿשר טאַקע דערפֿאַר.

כ'האָב זיך 3 מאָל געטראָפֿן מיט מײַנע סטודענטן. לכתחילה זענען זײ געװען שאָקירט װאָס איך האָב די לעקציעס אױף ייִדיש. ביזן 2טן קלאַס האָבן זײ זיך שױן צוגעװױנט. מערסטנס לערנען זיך מיט התמדה. מיר פּלאַנעװען אַ פּורים-קאָנצערטל אין 2 װאָכן אַרום. אין דער צײַט לערן איך אין זײ שרעקלעך אַלטע און [illegible] נגונים, ממש אין שאָטן פֿון קרעמל. אין [illegible] חזר איך איבער דעם זעלבן קלאַס אין אַ ~~[illegible]~~ בנין לעבן אונדזער אינטערנאַט. אַחוץ דעם האָב איך זיך אונטערגענומען אַ ספּעציעלע לעקציעס אױף ענגליש װאָס זײ האָבן זיך אָן דעם מיטװאָך.

די דרײַ טענער קאָנצערטס האָב איך אָפּגעגעבן [illegible]. אַ כּיבֿוד, אַנדערע נאָך אַלץ [illegible] ממש. װי אַלע פֿון ימות אַלטע געשיכטע, האָט ער נאָך פֿון זיך. דערמאָנט מיר, װאָס איך די דערצײלן טײַג זײַן באַגעגעניש מיט לײזער קאַגאַנאָװיטש, דעם מאָסקװע-מעטראָ, אין 1935. דאָס דערמאָנט מיך האָט דער 82-יאָריקער מאָניע שלמאַן, טישלער, דער װאָס איז געװען דער עקספּעדיטאָר פֿאַר ייִדיש, איז אַן אױסדערװײלטע פּערזענלעכקײט — כאָטש ער האָט זיך נאָך אַלץ בײַ זײַן קאָמוניזם-כאַראַקטער פֿון זײ ניט דערװײַטערט. ביז אָבער האָבן זײ געלעבט אין שטענדיקן פּחד, און פֿאַרגליכן מיט אַלע אַנדערע. מײנען זײ אַז די װעלט דרײט זיך עפּעס.

שבת גײען מיר (אָן אריהן) אין אַ ליובאַװיטשער שול. זײ זענען נאָך ערגער װי די קאָמוניסטן. אָבער [illegible] דעם רבין האָט מען דאָרט מער ניט געזען. ביז באַלד.

מיט ליבשאַפֿט
דוד-הלל